JEWISH JOURNAL
NEW YORK, MONDAY, JUNE 30, 1947.
דער מארגען זשורנאל
ניו יארק, מאנטאג, יוני 30, 1947
יום ב׳, י״ב תמוז, פרשת בלק, תש״ז

# מעלדונג פון
# ישיבת חפץ חיים

● אזוי ווי מיר האבען זיך דערוואוסט, אז מען האט ארויסגעשיקט געפעלשטע בריוו אין נאמען פון דער הנהלת הישיבה און איר אדרעס, וואס באליידיגט א געוויסע פערזאן, מעלדען מיר דאס די הנהלת הישיבה האט נים מיט דעם קיין שייכות.

● די ישיבה פראטעסטירט ווי אמשארפסטען געגען דעם.

● אז עס וועט אונז געלינגען פעסטצושטעלען ווער עס האט דאס געטאן, וועלען מיר איהם צוציהען צו פאראנטווארטליכקייט.

הנהלת ישיבת חפץ חיים מראדין

צוליב חלול השם האבען מיר נים אנגעגעבען דעם נאמען פון דעם מנובל הלל בישקא אין דער מעלדונג, אבער עס איז א מצוה גדולה און א חוב לפרסם, אז דער רשע הלל בישקא מאכט נאך און שיקט די געפעלשטע בריוו און פאסקווילן כלומרשט אין נאמען און אדרעס פון הנהלת הישיבה חפץ חיים און פון הרב מנדל זאקס, און אויך א משונה׳דיגען פאסקוויל .ווי פון א משוגע און מטורף כלומרשט אין נאמען פון דעם לאנג-פארשטארבענעם רב, ר׳ ארי׳ ליב הכהן פופקא מראדין. אלעס האט דער שווינדלער בישקא געפעלשט פון אנהויב ביז׳ן סוף. אויב ער קומט צו אייך אין שטאט קאלעקטען געלט לאזט אים גלייך ארעסטירען. איהר וועט מקיים זיין די מצוה פון ובערת הרע מקרבך, ווייל דער אויסוואורף איז א רשע גמור און איז נים בכלל עמיתך.

ער האט אויך אריינגעדרייט אין זיין קרימינעלען שווינדעל א געפעלשטען לעטער פון אגודת הרבנים.

ממני הכותב בצער,

**הרב מנחם מנדל זאקס,**
ר״מ דישיבת חפץ חיים
...יעסט 93טע סטרים, ניו יארק